בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פון חיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

סוּכּוֹת

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָה פוּן קִנְאָה?...............א

וָואס אִיז דֶער מְקוֹר צוּ צִינְדְן פִיר לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת?..............ד

וָואס טוּט מֶען מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט?...ה

זָאל אִיךְ זִיךְ קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן?.............................................ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין רוּאִיג בַּיים פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה פוּן אַ דַיָין?......ח

מֶעג מֶען שְׁנַיידְן דִי שְׁנוֹיצְן?..................................................יב

וֶועלְכֶע נוּסָח אִין תַּרְגוּם זָאל אִיךְ זָאגְן?................................יג

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי רַחְמָנוּת בְּלִיקְן אַז
אִיךְ הָאבּ צוּפִיל קִינְדֶער?.............................................טו

אִיךְ מַאךְ אַ פֶּעסְטֶע הַחְלָטָה, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד .......טז

דָאס עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֵיילִיג וִוי אֲכִילַת שַׁבָּת
קוֹדֶשׁ?...........................................................................יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת פוּן אוּנְזֶער טֵייעֶרְעֶר כּוֹלֵל.................................א

דִי וָואס דַארְף עֶס הֶערְן, זָאלְן עֶס דֶערְהֶערְן.............................א

מַאךְ זִיכֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים .........ג

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט.......ד

נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען רֶעדְן ............................................ ה

עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זַיין אַ מַאמֶע אוּן אַ וַוייבּ .............. ה

טַעֲנוֹת דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, נִישְׁט בַּארֶעדְן אוּנְטֶערְ'ן רוּקְן .... ו

בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת ...... ז

הֶער אוֹיף זָאגְן לִיגְנְט פַאר דַיין וַוייבּ ........................................ ז

מִשְׁנַיוֹת הֵיילְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה ........................................ ח

אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם .......... ח

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט דִי שִׁידוּךְ זָאג "נֵיין" ................................ ט

נִישְׁט יֶעדֶע קִינְד דַארְף גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי ....................................... ט

בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, אָבֶער נִישְׁט אוֹיף אַ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע .......... י

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט נִסִים בִּיז יֶעצְט,
אוּן וֶועט מַאכְן וַוייטֶער ............................................................ יב

דֶער בֵּית הַדְפוּס דַארְף צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי מְפִיצִים וָואס זֵיי דַארְפְן ... יג

זַייט אִים מוֹחֵל אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן צוּרִיק גוּט ......................... יד

אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן יֶעדֶע פְּרַט אִין סְקוּל ................................ יד

אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן ................................... טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה פוּן קִנְאָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה פוּן קִנְאָה; אִיךְ הָאבּ זִיךְ קֵיינְמָאל גֶעקֶענְט אַלְס אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְגִינְט יֶעדְן אוּן אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ מִיט יֶענֶעמְ'ס הַצְלָחָה אוּן גוּטְס, לֶעצְטְנְס אִיז אָבֶּער דָא בַּיי מַיין אַרְבֶּעט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַנֶערְקֶענֶען אַז אִיךְ הָאבּ יָא דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה.

עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג אַ מֻצְלָח, אוּן עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי עֶר הָאט אַלֶעס אִין זַיין לֶעבְּן, וָואס אִיךְ חָלוֹם אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אוּן אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָּשׁוּט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ בִּין אִים מְקַנֵא.

דָאס אִיז פַאר מִיר אַ טָאפְּלְטֶע שְׁוֶוערֶע גֶעפִיל, אֵיינְס אַז אִיךְ הָאבּ דִי שְׁוֶוערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גֶעפִיל אַז אִיךְ בִּין אִים מְקַנֵא. וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ דֶעם? ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט אִיךְ אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, דוּ וֵוייסְט כָאטְשִׁיג אוֹיף וָואס דוּ לַיידְסְט. רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן קִנְאָה, אָבֶּער דֶער צָרָה אִיז אַז זֵיי וֵוייסְן נִיטְאַמָאל אַז זֵיי הָאבְּן קִנְאָה, זֵיי עֶסְן זִיךְ אוֹיף פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אָן דֶעם וָואס זֵיי זָאלְן קֶענֶען קְלָאר אַרוֹיסְזָאגְן: ״אִיךְ לַייד פוּן קִנְאָה״; זֵיי מַאכְן מַחֲלֹקֶת, זֵיי בַּארֶעדְן מֶענְטְשְׁן, זֵיי טְרַאכְטְן מֶען דַארְף דֶעם בַּאגְרָאבְּן אוּן דֶעם אוֹיסְרַייסְן - אָן דֶעם וָואס זֵיי זָאלְן קֶענֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ זָאגְסְט: ״אִיךְ לַייד פוּן קִנְאָה״, ״אִיךְ הָאבּ אַ צָרָה״, ״אִיךְ דַארְף הִילְף״.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט קִנְאָה; מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן קִנְאָה. אַלֶע מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים וְכַדוֹמֶה - אַלְץ אִיז קִנְאָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ בַּעַל הַבַּיִת. דָאס וָואס דֶער הָאט אַזַא וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, גֶעלְט, אַ שֵׁיינֶע הוֹיז, אַ שֵׁיינֶע קָאר - אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין קִנְאָה.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַלֶע צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט אוּנְז גָארְנִישְׁט נוּצְן. עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט אוּנְז אַלֶע צוּרִיק לֵייגְן פוּן וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען, מִיר זֶענֶען בַּאשַאפְן פוּן דִי עֶרְד אוּן דָארְט וֶועלְן מִיר צוּרִיק גֵיין; דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין קִנְאָה, דָארְט אִיז יֶעדֶער פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיינְס.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חַבַּדְ'סְקֶער חָסִיד אוּן מַשְׁפִּיעַ רֶבִּי מֶענְדְל פוּטֶערְפַאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אִים פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, דָארְט הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אִין דִי בִּיטֶערֶע פְּרֶעסְטְן, עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען דִי מֵתִים, דִי טוֹיטֶע אִידְן אוּן זֵיי בַּאעֶרְדִיגְן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ בַּיי דִי טוֹיטֶע, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; אַלֶע לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיטְ'ן פָּנִים אַרוֹיף, נִישְׁטָא קַיין קִנְאָה, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן חַבֵר; אַלֶע וַוארְטְן מֶען זָאל

זֵיי שׁוֹין בְּרֶענְגֶען לְקְבוּרָה.

דוּ וֵוייסְט כָאטְשִׁיג דַיין פְּרָאבְּלֶעם - קֶענְסְטוּ דָאךְ גְלַייךְ נֶעמֶען דִי רְפוּאָה פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן אַ גְרוֹיסֶע רֶעצֶעפְּט, ווִי נָאר מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר - קֶען מֶען גְלַייךְ אַיינְנֶעמֶען דֶעם אַיינְשְׁפְּרִיץ אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, דֶער רֶבִּינְ'ס רֶעצֶעפְּט אִיז: "הִתְבּוֹדְדוּת"; מֶען זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער פְּרַיינְט אוּן אִים בֶּעטְן מֶען זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

יֶעצְט אַז דוּ וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ דַיין פְּרָאבְּלֶעם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט אַלֶעס, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ - אִיז פוּן דִיר; מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין גֶעלְט, מַיין הוֹיז, מַיין קַאר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּן דִיר מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, הֵייל מִיר אוֹיס; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מַיינֶע מִידוֹת. אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְדָארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע פַארְדָארְבֶּענֶע מִידוֹת, אִיךְ בִּין מְקַנֵא אַנְדֶערֶע, אִיךְ פַארְגֶעס אַז דוּ בִּיסְט דָא, אִיךְ פַארְגֶעס אַז דוּ גֶעבְּסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ קוּק אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ פַארְגֶעס פוּן דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן תַּכְלִית, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי עֶרְד, דָארְט אִיז נִישְׁטָא דֶער מִיט יֶענֶער, דָארְט אִיז דָא וֶוערִים אוּן מַייז, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אַפִּיר נֶעמֶען מַיינֶע מַעֲשִׂים; מַיין דַאוֶוענֶען, מַיין לֶערְנֶען אוּן מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, נָאר דָאס וֶועט זַיין חָשׁוּב, מֶען וֶועט אָפְּצֵיילְן אַלֶע פְּרָקִים

מִשְׁנַיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גוֹרֵס גֶעוֶוען, מֶען וֶועט אָפְּצֵיילְן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט זַיין חָשׁוּב; בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיךְ זָאל אַרַיינְכַאפְּן אַבִּיסְל גוּטֶע זַאכְן".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּנְקְטְלִיךְ וֶועם דוּ בִּיסְט מְקַנֵא אוּן מִיט וָואס דוּ בִּיסְט אִים מְקַנֵא, אַזוֹי וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר.

דִי רֶעצֶעפְּט פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ; עֶס נֶעמְט אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, מֶען וֶוערְט אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וָואס אִיז דֶער מְקוֹר צוּ צִינְדְן פִיר לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַז מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל צִינְדְן פִיר לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער מְקוֹר צוּ דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְן צִינְדְן צְוֵויי לֶעכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת, אֵיינְס פַאר זָכוֹר אוּן אֵיינְס פַאר שָׁמוֹר, אוּן בְּנוֹסָף לָזֶה זָאל מֶען צִינְדְן פִיר לֶעכְט קֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס בְּרֶענְגְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, עֶס בְּרֶענְגְט

הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד זָאל מֶען צוּלֵייגְן אַ לֶעכְט, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וָואס טוּט מֶען מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו. אִיךְ זֶע אַז אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית פַאר חֲצוֹת, ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייךְ אַז נָאךְ חֲצוֹת מֶעג מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען. אִיךְ שְׁטֵיי אַסַאךְ מָאל אוֹיף נָאךְ חֲצוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי אַז מֶען טָאר שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב - דָאס הַאלְט דֶעם אִיד בַּיי אִידִישְׁקֵייט, אַז מֶען הֵייבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַװעק פַאלְן. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח) ווִי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נד.) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", תְּלָתָא פַּרְסֵי אִיז דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז אַװעקְגֶעשְׁטֶעלְט צַייטְן וֶוען צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, פוּן וֶוען מֶען קֶען דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אוּן

בִּיז וֶוען מֶען קֶען זֵיי דַאוֶוענֶען; תְּפִלַּת שַׁחֲרִית קֶען מֶען דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטְסְטְנְס בִּיז חֲצוֹת, נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

וֶוען גֵייסְטוּ שְׁלָאפְן? גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ - וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ קוֹדֶם גֵיין דַאוֶוענֶען; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אוֹיפְשְׁטֵיין נָאךְ חֲצוֹת, אַ אִיד דַארְף דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אַז מֶען אִיז מִיד קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן נָאכְן דַאוֶוענֶען.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הַשְׁגָחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַלֶעס וָואס דוּ בַּאגֶערְסְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אָמַר רַבִּי יִצְחָק: "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת", וֶוער עֶס קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג, "וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד", אוּן עֶר פַארְפֶעלְט אֵיין טָאג צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ? פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט דָא?" אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ, י): מִי בָכֶם יְרֵא ה' שֹׁמֵעַ בְּקוֹל עַבְדּוֹ אֲשֶׁר הָלַךְ חֲשֵׁכִים וְאֵין נֹגַהּ לוֹ, יִבְטַח בְּשֵׁם ה' וְיִשָּׁעֵן בֵּאלֹקָיו, "אִם לִדְבַר מִצְוָה הָלַךְ", אוֹיבּ אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט אַ מִצְוָה - "נֹגַהּ לוֹ", וֶועט אִים לִיכְטִיג וֶוערְן, "וְאִם לִדְבַר הָרְשׁוּת הָלַךְ", אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען וַוייל עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן - "אֵין נֹגַהּ לוֹ", וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, "יִבְטַח בְּשֵׁם ה'", פַארְוָואס? "מִשּׁוּם דַּהֲוָה לֵיהּ לִבְטוֹחַ בְּשֵׁם ה' וְלֹא בָּטַח", וַוייל עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט קוּמֶען אִין שׁוּל אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ כְּסֵדֶר אִין מִיר סְפֵיקוֹת פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סֶעלְפָאוֹן. לִכְאוֹרָה קוּמְט דָאס פוּן חִינוּךְ, אִיךְ בִּין נִתְחַנֵּךְ גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ, כָאטְשׁ וָואס הַיינְט אִיז עֶס אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ פַאר יֶעדְן צוּ הָאבְּן, אִיז אָבֶּער בַּיי מִיר אַיינְגֶעבּוֹיעֶט אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר.

אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר סְתַם אַ כָּבוֹד זַאךְ, וָואס אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מִיט דֶעם מֶער פוּן אַנְדֶערֶע, 'אִיךְ בִּין נָאךְ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען בַּאוַוייזְן אֲפִילוּ הַיינְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ סֶעלְפָאוֹן', דָאס גֶעבְּט מִיר אַ גֶעווִויסֶע שְׁטַארְקַייט אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן שְׁטַארְק. עֶס קֶען זַיין אַז עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעקוֹיפְט אַ סֶעלְפָאוֹן.

עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַ סֶעלְפָאוֹן סְטָאר צוּ קוֹיפְן אַ סֶעלְפָאוֹן, עֶרְלֶעדִיגְן סֶערְווִיס אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז כָּשֵׁר אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פָּשׁוּט עֶס צוּ טוּן.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאבְּן אַ סֶעלְפָאוֹן; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וֶוערְט מֶען נִישְׁט מִיט דֶעם מֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס שִׂיחוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דֶער טֶעלֶעפָאן וָואס דוּ קוֹיפְסְט זָאל זַיין כָּשֵׁר אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין רוּאִיג בַּיים פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה פוּן אַ דַיָּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן אַ דַיָּן, אִיךְ הָאבּ אַלְץ סְפֵיקוֹת אוּן פְּחָדִים אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גוּט מַסְבִּיר גֶעוֶוען מַיין שְׁאֵלָה פַאר'ן דַיָּן, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זֶען, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער בִּין אִיךְ אַלְץ פוּל מִיט סְפֵיקוֹת צִי אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאקוּמֶען דֶעם רִיכְטִיגְן אוּן אֱמֶת'ן פְּסַק, זַייעֶר אַסַאךְ מָאל רוּף אִיךְ צוּרִיק דֶעם דַיָּן אִיבֶּערְפְרֶעגְן נָאכְאַמָאל, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט לֶעבּ אִיךְ אִין אַ כְּסֵדֶר'דִיגֶע פַּחַד אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶעם רִיכְטִיגְן פְּסַק הֲלָכָה, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט דָאס חַס וְשָׁלוֹם שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער.

נָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ, בַּיים דַאוְוענֶען; אִיךְ בִּין אַלְץ נֶערְוֶועז אַז אֶפְשָׁר זֶענֶען מַיינֶע קְלֵיידֶער גֶעוָוארְן אַבִּיסְל נַאס אָדֶער שְׁמוּצִיג בַּיים אַרוֹיסְגֵיין, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי דַאוְוענֶען.

ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְּט דָאס וָוארְט סָפֵ"ק; דִי זַאךְ פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, צֶעטוּמְלֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אִים צֶעטוּמְלֶען, מִיט דֶעם וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיָּין אַ שְׁאֵלָה אוּן דֶער דַיָּין עֶנְטְפֶערְט - טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם אִיבֶּער טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גוּט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי שְׁאֵלָה?' 'אֶפְשָׁר הָאט דֶער דַיָּין נִישְׁט גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁאֵלָה?' אֶפְשָׁר אַהֶער אוּן אֶפְשָׁר אַהִין; דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אִיז חֲזִיר טְרֵיף, עֶס אִיז פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט פוּן קְדוּשָּׁה.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי חָכְמוֹת פוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, ווַייל אֶפְשָׁר זֶענֶען דִי קְלֵיידֶער שְׁמוּצִיג וְכוּ' וְכוּ'; אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים; דִי גְמָרָא זָאגְט דָאס אַז מֶען מֶעג לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ'.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דַיינֶע חוּמְרוֹת אוּן פְרוּמְקֵייטְן אִין דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "רָאוּי לְכָל אָדָם שֶׁיִּבְחַר לְעַצְמוֹ מִצְוָה אַחַת", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה, "שֶׁבְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה יְדַקְדֵּק הַרְבֵּה וִיקַיֵּם אוֹתָהּ הַמִּצְוָה עִם כָּל הַחֻמְרוֹת וְהַדִּקְדּוּקִים", אוּן מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדּוּקִים אִין דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, מֶען פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי", אִין וָואס פַאר אַ זַאךְ אִיז דַיין טַאטֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט?

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, וָואס פַאר אַ מִצְוָה זָאלְן מִיר נֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער מִצְוָה וואוּ מֶען וֶועט אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדּוּקִים?

שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; דַארְף מֶען זֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ מֶען הָאט נִשְׁט וְויאַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פַארְוָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - דַארְף מֶען מַחְמִיר זַיין אִין דֶעם.

לָאז אָפּ דַיינֶע חָכְמוֹת, דִי חָכְמוֹת הַרְגֶ'עט דִיר דַיין לֶעבְּן, חָכְמוֹת פִּירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי רְאוּבֵן יוֹסְל, אַ זוּן פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל שׁוֹחֵט, וֶוען עֶר הָאט גֶעפִירְט אַ דִין תּוֹרָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר זוּכְט אַלֶע סָארְט חָכְמוֹת: "דָאס אִיז דַיין טַאטְנְ'ס חָכְמוֹת, דַיין טַאטְנְ'ס חָכְמוֹת טְרַייבְּן אִים אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית", כַּיָּדוּעַ אִיז עֶר אַרוּם גֶעלָאפְן אִין אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ צוּ אַלֶע רַבָּנִים מִיט חוּמְרוֹת אוֹיף חוּמְרוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן זַיינֶע חוּמְרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז אָפּ דִי אַלֶע חָכְמוֹת; אַז דֶער דַיָּן פַּסְקְ'נְט - אִיז גֶע'פַּסְקְ'נְט, נִישְׁטָא קֵיין אִיבֶּער טְרַאכְטְן, נִישְׁטָא קֵיין אִיבֶּערְקְלֶערְן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (קוּק נָאךְ דִי שִׂיחָה; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן זֵיי (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִשְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים, נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין, אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין סֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה אוּן אִין דִי מִצְוָה זָאל עֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִדּוּרִים וְכוּ', מֵיינְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר מְדַקְדֵּק זַיין אָן קֵיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת; הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם) אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג מֶען שְׁנַיידְן די שְׁנוֹיצְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ שְׁנַיידְן אַבִּיסְל די שְׁנוֹיצְן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר בַּיים עֶסְן, אָבֶּער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי וֶועלְן מִיר אַרָאפְּקוּקְן אַז אִיךְ שְׁנַייד עֶס.

דָאס מַאכְט מִיר אוֹיךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין בַּאזוּכְן מַיין פַאמִילְיֶע, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי, אָבֶּער פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֶערְט מִיר די לַאנְגֶע שְׁנוֹיצְן.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁנַיידְן די שְׁנוֹיצְן; דֶער בְּאֵר הֵיטֵב בְּרֶענְגְט אַרָאפּ** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קָפָּא סְעִיף י, סְעִיף קָטָן ה) **פוּנֶעם אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁנַיידְן זַיינֶע שְׁנוֹיצְן כְּדֵי עֶס זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן בַּיים עֶסְן.**

**וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס דַיין בְּרוּדֶער זָאגְט אוֹיף דִיר? לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם טְרַאכְטְן וָואס מֶען ווִיל אוֹיף דִיר, דֶער רֶבִּי זָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ר) **: "טוֹב מְאֹד כְּשֶׁמּוֹסְרִין אֶת הַשּׁוֹטֶה לְתוֹךְ הָעוֹלָם", עֶס אִיז גוּט וֶוען מֶען לָאזְט יֶעדְן אֵיינֶעם זָאגְן אוּן טְרַאכְטְן וָואס זֵיי ווִילְן, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אָפְּנַארְן, "וּמִי שֶׁנִּשְׁמָר שֶׁלֹּא לְהַטְעוֹת אֶת עַצְמוֹ, אֲזַי הוּא מַטְעֶה אֶת כָּל הָעוֹלָם", דֶער וָואס טוּט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת - בַּיי אִים פַּאסִירְט אַז אַלֶע זָאגְן אִין אִים סְבָרוֹת אוּן דֵעוֹת.**

**טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר וָואס זֵיי ווִילְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וֶועלְכֶע נוּסָח אִין תַּרְגוּם זָאל אִיךְ זָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע נֻסְחָאוֹת אִין תַּרְגוּם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּ אֵיין נוּסָח, פוּן אֵיין גֶעוִויסֶע חוּמָשׁ, אָדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק, נָאר אִין סַיי וֶועלְכֶע חוּמְשׁ אִיךְ זָאג, קֶען אִיךְ זָאגְן דִי תַּרְגוּם וָואס שְׁטֵייט דָארְט, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל יֶעדֶעס מָאל זָאגְן אַן אַנְדֶערֶע נוּסָח?

אַמָאל קֶען בּוֹלֵט זַיין אַ גֶעוִויסֶע טָעוּת אִין תַּרְגוּם, דַארְף אִיךְ גֵיין קוּקְן אִין אַן אַנְדֶערֶע חוּמְשׁ אוֹיבּ עֶס אִיז אַ טָעוּת, אָדֶער קֶען אִיךְ עֶס זָאגְן לוֹיט וִוי אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי דָאס וָוארְט קוּמְט בֶּאֱמֶת מְנֻקָּד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דֶעם, זָאג דִי חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם וִויאַזוֹי דוּ זֶעסְט אִינֶעם חוּמָשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, ד): ״אָמַר רֶבִּי אַחָא עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ״, אַן עַם הָאָרֶץ וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וִויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּזָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אַנְשְׁטָאט זָאגְן (דְּבָרִים ו, ה): ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳״ - זָאגְט עֶר ״וְאָיַבְתָּ״, זָאלְסְט פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם, ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה״, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; ״אָמַר רֶבִּי יִשָּׂשכָר, תִּינוֹק שֶׁקּוֹרֵא לְמֹשֶׁה מַשֶׁה, לְאַהֲרֹן אַהֲרַן, לְעֶפְרוֹן עֶפְרַן, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְלִיגְלוּגוֹ

עָלַי אַהֲבָה", אַ קִינְד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער, אַנְשְׁטָאט מֹשֶׁה - זָאגְט עֶר מַאשֶׁע, אַנְשְׁטָאט אַהֲרֹן - זָאגְט עֶר אַהַרַאן, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער "אִיךְ הָאבּ לִיבּ דָאס וָואס זֶעט אוֹיס ווִי אַ גֶעשְׁפֶּעט, אַ חוֹזֶק"; אִיז זִיכֶער אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן עֶר זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער ווִי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין - דַארְף עֶר נִישְׁט טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר אִיז דָא טָעוּתִים אִין דִי חוּמָשׁ?'

אוֹיף דֶעם זָאגְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי רַחְמָנוּת בְּלִיקְן אַז אִיךְ הָאבּ צוּפִיל קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, סְפֶּעצִיעֶל פַאר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת הֲנָאָה עֶס צוּ לֵיינֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן אִיךְ פִיל וִוי מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיר אָן וִוי אַ רַחְמָנוּת, מֶען זָאגְט: "נֶעבֶּעךְ, זִי הָאט אַזוֹיפִיל קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט זִי זִיךְ אַן עֵצָה? זִי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין רוּאִיגְקֵייט".

אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס קֶענֶען מִיר טוּן, מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער אוּן עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין זֵייעֶרֶע שִׁיטוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מֶען הֶערְט שׁוֹין הַיינְט דִי וֶוערְטֶער בַּיי עֶרְלִיכֶע מְקוֹמוֹת, חֲסִידִי׳שֶׁע קְרֵייזְן, וִוי פְרוֹיעֶן הֶעצְן קֶעגְן אַנְדֶערֶע, ׳הֲיִתָּכֵן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער?!׳ מֶען וֶוערְט אַ גֶעשְׁפֶּעט צְוִוישְׁן פְרוֹיעֶן וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער; דָאס אִיז דֶער גָלוּת, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן דִי גוֹיִם.

דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז וָואס אִיז גוּט, דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז וָואס צוּ טוּן. אוֹיךְ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת וְכוּ׳ גֵייט מֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער גְרוֹיסֶער רָב, מֶען שְׁמוּעֶסְט דוּרְךְ אַלֶע פְּרָטִים, דִי גֶעזוּנְט צוּשְׁטַאנְד אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דֶער רָב זָאגְט אוֹיבּ מֶען קֶען וַוארְטְן אוּן וִויפִיל מֶען זָאל וַוארְטְן. מִיר נֶעמֶען נִישְׁט אוּנְזֶער מְהַלֵּךְ הַחַיִּים פוּן חַבֵר׳טֶעס, פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס זִיצְן אִין קָאנְטְרִי אוּנְטֶערְן בּוֹים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איר זָאלְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט און שְׁטָאלְצְקֵייט, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, איר וֶועט אַלְץ טְרַאכְטְן נָאר צוּ טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיךְ מַאךְ אַ פֶעסְטֶע הַחְלָטָה, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, סְפֶּעצִיעֶל וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, "פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד? פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשָׁר דָאס מָאל בִּיסְטוּ שׁוֹין שְׁטֶערְקֶער, וֶועט עֶס יָא גֵיין, זֵיי נִישְׁט אַזוֹי ווִי דֶער עֶלֶעפַאנְט וָואס גֶעבְּט אוֹיף אַלְס קִינְד", דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען און אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַחְלָטָה אַז אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בִּיז אִיךְ וֶועל זִיכֶער וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט ווִי אַזוֹי מֶען טְרֶענִירְט בַּעֲלֵי חַיִים; צוּם בַּיישְׁפִּיל, דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטַארְקֶער עֶלֶעפַאנְט בִּינְדְט מֶען צִי וֶוען זִי אִיז גָאר קְלֵיין, זִי פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיסְצוּרַייסְן אָבֶּער זִי קֶען נִישְׁט, זִי פְּרוּבִּירְט אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, בִּיז זִי זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן; אַזוֹי בְּלַייבְּן זֵיי גֶעבִּינְדְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז וֶוען זֵיי וָואלְטְן פְּרוּבִּירְט נָאךְ

אֵיין מָאל יֶעצְט וֶועט זֵיי זֶענֶען שׁוֹין שְׁטַארְק, גְרוֹיס אוּן מֶעכְטִיג - וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט בַּאפְרֵייעֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד 'עֶס גֵייט נִישְׁט', 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', 'מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט' וְכוּ' וְכוּ'; מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַז יֶעצְט אִיז מֶען שׁוֹין שְׁטֶערְקֶער פוּן נֶעכְטְן, גְרֶעסֶער פוּן דֶעמָאלְט, יֶעצְט אַז מֶען וֶועט זִיךְ גֶעבְּן אֵיין בֵּייג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַיין נֶעץ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן אִין מֶדְרָשׁ, דִי פִּיר לִימוּדִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פִּיר שִׁיעוּרִים - הֵייבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס לֶעבְּן וֶוערְט לִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דָאס עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֵיילִיג ווִי אֲכִילַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז דָאס עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז כֻּלּוֹ אֱלֹקוּת כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אָדֶער אִיז דָאס נָאר פוּן שַׁבָּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ", - דָאס אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם טוֹב ב, ב): "כִּי אֲכִילַת יִשְׂרָאֵל, בִּפְרָט בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, הוּא קֹדֶשׁ", דִי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז הֵיילִיג; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי סְעוּדָה פוּן עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים (שָׁם הִלְכוֹת שַׁבָּת ז, נא): "כִּי הָאֲכִילָה שֶׁל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר שֶׁהוּא מִצְוָה זֶה בְּחִינַת אֲכִילַת שַׁבָּת קֹדֶשׁ", - אַז דָאס אִיז אוֹיךְ הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זַיין פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת פוּן אוּנְזֶער טֵייעֶרְער כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דַיין הַתְמָדָה אִין כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַלֶע יָארְן, פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, ׳וֶוען וֶועט זַיין רֵייף דִי צַייט צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ כּוֹלֵל לַהֲלָכָה, צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דַיָנִים, מוֹרֶה הוֹרָאָה׳ס?׳ יֶעצְט שְׁטֵיי אִיךְ אִין דֶער צַייט, אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת פוּן אוּנְזֶער טֵייעֶרְער כּוֹלֵל.

אִיךְ ווִיל דִיר מְזַרֵז זַיין זָאלְסְט הִיטְן דִי זְמַנִים; מֶען קֶען הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אַז מֶען הִיט דִי זְמַנִים, דִי סֵדֶר אִין כּוֹלֵל זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּבְ׳עֶר פוּן אַלְצְדִינְג.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּנֶעם גֶעהַאלְט, אָבֶער אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי זְמַנִים וֶועל אִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּנֶעם גֶעהַאלְט.

...

## דִי וָואס דַארְף עֶס הֶערְן, זָאלְן עֶס דֶערְהֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד דַיין וַוייבּ מֵיינְט אִיךְ רֶעד פוּן אִיר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ אַלֶע מָאל דֶעם פְּרָאבְּלֶעם; דִי וָואס זֶענֶען וואוֹיל, גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ – דִי

מֵיינֶען אַז מֶען מֵיינְט זֵיי, דִי קוּמֶען אַהֵיים פוּן דִי שִׁיעוּרִים צֶעבְּרָאכְן, פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, אוּן דִי וֶועם מֶען מֵיינְט טַאקֶע - דִי הֶערְן נִישְׁט, כַאפְּן נִישְׁט אוּן נֶעמֶען נִישְׁט אָן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ יָארְן צוּרִיק, עֶס אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן, דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן פוּן מַיין הִתְקַרְבוּת, דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאט גֶע'מַסְר'ט מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהַרָא"שְׁ'ס ... הָאט אִים פַאר'מַסְר'ט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם, דִי עֵרֶב רַב - הָאבְּן גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זֶעכְצְן יָאר תְּפִיסָה. דוּרְכְאוֹיס דִי דְרֵיי יָאר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אִיבֶּער חַזֶר'ן דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַבְשָׁלוֹם אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען זַיין אֵייגֶענֶע טַאטֶע. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַלְץ גֶעלִיטְן: "וִוי קֶען זַיין אַ זוּן זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן אַ אֵייגֶענֶע טַאטֶע, אִים וֶועלְן הַרְגְ'נֶען?!" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן זַיין פַּרְשָׁה פוּן זַיין ...

דֶעמָאלְט אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ פְלֶעג זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן וֶוערְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי שׁוּלְדִיג, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר אַז מוֹהֲרָא"שׁ מֵיינְט מִיר, בִּיז אֵיין מָאל נָאכְן שִׁיעוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער נֶעמֶען דִי בִּלְבּוּלִים, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב? זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן? דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעמֵיינְט מִיר", זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען אִיךְ גֶעבּ אַ שִׁיעוּר אִיז אַלְץ דָא אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי מֵיינֶען אַז אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט וֶועם אִיךְ מֵיין, זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט אַז מֶען מֵיינְט זֵיי; אִיךְ הָאבּ דָא אִינְגֶעלַייט וָואס שְׁלָאגְן זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ מוּז רֶעדְן צוּ זֵיי (אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גָארְנִישְׁט גֶעווּסְט וָואס טוּט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ גֵייט אַרִיבֶּער פוּן זַיין...)"; דָאס זֶעלְבֶּע הָאבּ

אִיךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אַלְץ זֶענֶען דָא וָואס בַּאשׁוּלְדִיגְן זִיךְ אוּן טְרַאכְטְן אַז דִי שִׁיעוּר מֵיינְט מֶען זֵיי.

דַיין מִשְׁפָּחָה; דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער - זֶענֶען פוּן דִי טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; דִי שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַּאר אִיר, דִי שִׁיעוּר אִיז גֶעזָאגְט פַּאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט, זֵיי וִוילְן נִישְׁט לֶעבְן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן אַנְשְׁטָאט מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ'ן פְּרָאבְּלֶעם אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵייל מִיר אוֹיס", - מַאכְן זֵיי שְׁפִּירְן דֶעם מַאן אַז עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר אִיז נִישְׁט נָארְמַאל; דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי מַתָּנָה, דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, זִי אִיז מִיט דִיר, זִי הֶעלְפְט דִיר; וִויפִיל אִינְגֶעלַייט ווילְן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוּן דִי וַוייבּ שְׁטֶעלְט אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד? וִויפִיל אִינְגֶעלַייט חַלָשְׁ'ן צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אוּן דִי וַוייבּ לָאזְט נִישְׁט, זִי סְטְרַאשֶׁעט, זִי אִיז מַשְׁפִּיל דֶעם מַאן מִיט בְּרֶסְלֶב; אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, זִי הֶעלְפְט דִיר זַיין בַּיים רֶבִּי'ן - בִּיסְטוּ דָאךְ דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מַאךְ זִיכֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזַא שָׁאד אַז דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר, אַ שָׁאד אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט עֶרְנְסְט דִי שִׁיעוּרִים; דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי ווִיכְטִיג, עֶס גֶעבְּט זֵיי אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוֹיף ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת'דִיגֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן. עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ נֶעמְסְט עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט

זִיכֶער מַאכְן אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן זִי זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים שִׁיעוּר, מֶען קֶען דָאךְ אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן אִין אַנְדֶערֶע טֶעג.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט זֶען אַז פוּן דַיין זַייט זָאל זִי קֶענֶען גֵיין, זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ זָאג דִיר, נָאר דוּ וֶועסְט פַארְדִינֶען אַז זִי הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעַד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט; עֶס אִיז אַ פַארְגֶעניגְן צוּ הֶערְן בַּיי אַ קִינְד וָואס גֵייט בַּר מִצְוָה הָאבְּן עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אִיךְ הָאף דִיר צוּ טְרֶעפְן אִין אוּמַאן, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר, דִיךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף דַיין בַּר מִצְוָה.

גֶעבּ אַ גְרוּס דַיינֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען רֶעדְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן. אִיךְ הֶער צוּרִיק אַז זִי זָאגְט פַּאר פְרוֹיעֶן זַאכְן וֶועגְן מִשְׁפָּחַת ... וְכוּ׳; מֶען דַארְף אַלֵיינְס וִויסְן, אֲפִילוּ מֶען כַאפְּט אוֹיף גֶעוִויסֶע זַאכְן, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען רֶעדְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען קֶען שָׁאדְן מַאכְן אַ צְוֵוייטְן, וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ.

דִי פַּרְשָׁה הָאט מִיר גֶעקָאסְט אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְן, לֹא יֹאבֶה ה׳ סְלֹחַ לוֹ.

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִי זָאל וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט פוּן דִי בְּרִיוּו, זִי זָאל נִישְׁט יֶעצְט מֵיינֶען אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז; אִיךְ ווִיל נָאר זִי זָאל טְרַאכְטְן פַאר זִי רֶעדְט סוֹדוֹת מִיט דִי פְרוֹי אוּן מִיט יֶענֶע פְרוֹי פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן יֶענֶעמְ׳ס פַּרְשָׁה וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט וִויסְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס קֶען זַיין דִינֵי נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ וד״ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זַיין אַ מַאמֶע אוּן אַ וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן הָאט זִיךְ מִיר אוֹיסגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ, עֶר זָאגְט מִיר אַז שׁוֹין צֶוענְדְלִיגֶער וָואכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן; אִיר קָאכְט נִישְׁט קַיין נַאכְטְמָאל קַיין אֵיין נַאכְט, אַנְשְׁטָאט זַיין אַ מַאמֶע מִיט אַ וַוייבּ זֶענְט אִיר אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֶעץ פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם, אִיר קוּקְט מָאוִויס אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

יֶעצְט אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס אִיר דַארְפְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר דַארְפְט אָפְּלָאזְן אַייעֶרע חַבֶר'טֶעס. עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, עֶס רַייסְט מִיר דָאס הַארְץ, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען עֶנְקֶער שַׁדְכָן, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן מַיין בֶּעסְטֶער תַּלְמִיד; עֶר זָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, אִיר מַאכְט אַ שְׁפִּיל פוּן אִינְדְרוֹיסְן כְּאִילוּ אִיר זֶענְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר הָאט אִים אִין בּוֹידֶעם.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ וָואס אַייעֶר פְּלַאן אִיז.

...

טַעֲנוֹת דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, נִישְׁט בַּארֶעדְן אוּנְטֶער'ן רוּקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואס קוּמֶען מִיר זָאגְן ווִי שֵׁיין דִי פְּלַאץ אִיז אוּן אוּנְטֶער מַיין רוּקְן רֶעדְן זֵיי וְכוּ' - זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט; וַוייל אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת - פַּארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ מִיר זָאגְן מִיט אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל אַז דִי פְּלַאץ אִיז שֵׁיין אוּן גֵיין אוּנְטֶער מַיין רוּקְן בַּארֶעדְן?!

אִיךְ בִּין שׁוֹין הַייזֶערִיג פוּן דָאס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וָואס זָאל אִיךְ טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט רֶעדְן מִיט דִי וָואס הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן הֶערְן וָואס בַּאדֶערְט זֵיי, וָואס שְׁטֶערְט זֵיי; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ זֵיי אַלֶע צַאמְנֶעמֶען אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן וָואס לִיגְט אוּנְטֶער אוּנְזֶער שְׁמֵייכְל? וִויפִּיל מִי אוּן פְּלָאג מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דָא בַּיים בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אִיז אַ פְּרוּאוו פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוֹיבּ אִיר וֶועט וַוייטֶער בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און בְּלַייבְּן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר צוּרִיק קוּקְן אוֹיף דִי טֶעג, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**הֶער אוֹיף זָאגְן לִיגְנְט פַאר דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג נִישְׁט קַיין לִיגְנְט; דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז זִי קֶען נִישְׁט מֶער אַזוֹי לֶעבְּן מִיט דִיר, דוּ זָאגְסְט אִיר מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁלֹּא הָיְ׳ וְלֹא נִבְרָא, דוּ דְרֵייסְט מִיט אִיר אַרוּם, טָאג און נַאכְט אִיז נָאר לִיגְנְט. זִי שְׁרֵייט: ״רַאטֶעוֶועט מִיר״, זִי קֶען נִישְׁט מֶער, זִי ווִיל צוּרִיק אַהֵיים גֵיין צוּ אִיר טַאטֶע מַאמֶע, און אִיךְ זָאג דִיר אַז זִי זָאגְט עֶס - גֵייט זִי עֶס טוּן; מַיין נִישְׁט אַז עֶס אִיז אַ וִויץ, אַז זִי זָאגְט דִי וִויץ - וֶועט פַּאסִירְן דִי וִויץ, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

טוּ תְּשׁוּבָה, הֶער אוֹיף אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אִיר, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי לִיגְנְט; גֶענוּג גֶעוֶוען זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אִין גַאס, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי זַאכְן.

...

### מִשְׁנָיוֹת הֵיילְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְויפִּיל דוּ בִּיסְט אַ רַחְמָנוּת - אִיז דַיין וַוייבּ נָאךְ סַאךְ מֶער אַ רַחְמָנוּת; עֶס אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַיידְט אוֹיף דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן א״וֹ סִ״י ד״י, מֶען קֶען אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען.

הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן; אַז דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיינֶע יְסוּרִים, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מַאכְן דִיר צֶעדְרֵיידְט, דוּ לַיידְסְט אוֹיף א״וֹ סִ״י ד״י הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - נֶעם דִי עֵצָה פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, מִשְׁנָיוֹת הֵיילְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה. אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת וֶוערְט מֶען מִיט דִי צַייט אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הֶערְט אוֹיף לַיידְן אוֹיף דִי מַחֲשָׁבוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ ווִיל מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְלֶעג קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן, זֶען דִי קֶעמֶרֶעס פוּן שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, יֶעצְט אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר פַארְרֶעכְטְן דִי קֶעמְרֶעס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ ווִיל מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

גֶעדֶענְק, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אַ טוֹבָה פַאר זִיךְ פַאר אֵייבִּיג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אויב דו ווילסְט נִישְׁט דִי שִׁידוּךְ זָאג "נֵיין"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַנְטְלוֹיפְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה; אַז דוּ ווילסְט נִישְׁט - זָאג "נֵיין", קֵיינֶער נֵייגְט דִיר נִישְׁט. אויב דוּ ווִילְסְט נִישְׁט דִי שִׁידוּךְ זָאג "נֵיין"; אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט פוּן דִיר, צוּ פַארְשְׁווִינְדְן וֶוערְן.

אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ צוּ טְרֶעפְן מִיטְ'ן מֵיידְל און מֶען וֶוערְט פַארְשְׁווִינְדְן - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; דִי מֵיידְל וַוארְט אוֹיף דִיר און מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן.

קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט טוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

...

**נִישְׁט יֶעדֶע קִינְד דַארְף גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי פְרַאגֶע בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער נָאנְט; פוּן אֵיין זַייט קֶען מֶען זָאגְן אַז זִי דַארְף בַּאקוּמֶען הִילְף, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען זָאגְן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף יֶעדְן קִינְד - אַז מֶען דַארְף טֶערֶעפִּי.

וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ הַיינְטִיגֶע טֶעג בַּיי דִי קִינְדֶער, דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס מֵיינֶען אַז מֶען הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן; אַנְשְׁטָאט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי דִי גַאנְצֶע הַארְץ - אִיז דִי גְרִינְגְסְטֶע און שְׁנֶעלְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי צוּ זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן: "דָאס קִינְד דַארְף הִילְף", אָדֶער אויב דִי מוֹסָד הָאט אַ פְּרָאגְרַאם וָואס צָאלְט פַאר שְׁוַואכֶע קִינְדֶער

זוּכְט מֶען מִיט לִיכְט נָאךְ אַ קִינְד אוּן נָאךְ אַ קִינְד כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֶענִיסְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, אַז אַ קִינְד אִיז לֶעבֶּעדִיג דַארְף דָאס קִינְד שְׁטַארְקֶע הִילְף, אוּן אַז דָאס קִינְד אִיז אֵיידְל אוּן שְׁטִיל, דַארְף דָאס קִינְד אוֹיךְ הִילְף; אַז דִי קִינְד וִויל נִישְׁט מִיט דַאוֶונֶען דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס הֶבֶל הֲבָלִים, וַוייל קִינְדֶער קֶענֶען זַיין טַאנְצֶעדִיג אוּן קִינְדֶער קֶענֶען זַיין אֵיידְל, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ, אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן עֶלְטֶערְן אִיז זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּן זֵיי אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, נִישְׁט מַאכְן דִי קִינְדֶער פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶערִיבֶּער אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אַייעֶר שְׁאֵלָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ פַאר דֶעם קִינְד, פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע דוֹרוֹת אַז אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶרְלִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף אַ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

תִּחְיֶ' ...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה, סִימָן יט): "אָסוּר לְהַטְרִיחַ אֶת הַשֵּׁם לְשַׁנּוֹת אֶת הַטֶּבַע", מֶען טָאר נִישְׁט מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל טוֹישְׁן דִי טֶבַע, מִיט דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סַיי קְלֵיינִיקֵייטְן אוּן סַיי גְרוֹיסֶע זַאכְן, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים אֲמוֹרָא רֶבִּי יוֹסִי דְמִן יוֹקֶרֶת, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין זַיין פֶּעלְד, דִי אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן גֶעוַואַרְט אוּנְטֶער אַ פַּייגְן בּוֹים אַז זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת רֶבִּי יוֹסִי זָאל זֵיי בְּרֶענְגֶען עֶסְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זַיין זוּן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "בְּרֶענְג אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג", רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי יוֹסִי׳ס זוּן: "תְּאֵנָה, תְּאֵנָה", פַּייגְנְבּוֹים, פַּייגְנְבּוֹים, "הוֹצִיאִי פֵּרוֹתַיִךְ", גֶעבּ אַרוֹיס דַיינֶע פַּייגְן, "וְיֹאכְלוּ פּוֹעֲלֵי אַבָּא", מַיין טַאטְנְ׳ס אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן; דֶער קִינְד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דִי טֶבַע אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט עֶר, "אֲפִיקוּ וְאִכְלוּ", עֶס אִיז גֶעשֶׁען דִי נֵס, דִי בּוֹים הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ פְרִישֶׁע פַּייגְן, דִי אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זַאט גֶעוָוארְן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי יוֹסִי גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אִים מוֹחֵל זַיין פַּאר׳ן קוּמֶען שְׁפֶּעט, "דְּהַאי דִּנְגַהְנָא אַמִּצְוָה טָרַחְנָא", דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי פַארְזוֹימְט, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט אַ מִצְוָה אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַּארְשְׁלֶעפְּט בִּיז יֶעצְט; זָאגְן אִים דִי אַרְבֶּעטֶערְס: "רַחְמָנָא לִישַׂבְעָךְ כִּי הֵיכִי דְּשַׂבְעִינַן בְּרָךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר זֶעטִיגְן אַזוֹי וִוי דַיין זוּן הָאט אוּנְז גֶעזֶעטִיגְט, הָאט זִיךְ רֶבִּי יוֹסִי גֶעווָאוּנְדֶערְט ׳פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶעהַאט עֶסְן פַּאר אַייךְ אַלֶע?׳ הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּאר זַיין זוּן, מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי בֶּעטְן: "אַתָּה הִטְרַחְתָּ אֶת קוֹנְךָ לְהוֹצִיא תְּאֵנָה פֵּרוֹתֶיהָ שֶׁלֹּא בִּזְמַנָּהּ", דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי פַּייגְן פַּאר דִי צַייט? מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי בֶּעטְן! עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן צוּ עֶסְן", נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע׳דִיגֶע וֶועג.

ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט תְּפִלָּה, זַיין לֶעבְּן אִיז תְּפִלָּה; אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים מב, ט): "תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט נִיסִים בִּיז יֶעצְט, אוּן וֶועט מַאכְן וַוייטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת; קוּקְט צוּרִיק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ בִּיז אַהֶער, וֶועט עֶר וַוייטֶער טוּן מִיט אַייךְ נִיסִים.

מוֹהֲרַא״שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן לְמַזָל טוֹב זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים הַקְדוֹשִׁים, מֶען זָאל אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט: ״בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ״, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

זַייט פְרֵיילִיךְ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ עֶפְנְט מֶען אוֹיף טִירְן אִין הִימְל עֶס זָאל אַרָאפְּקוּמֶען גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער בֵּית הַדְּפוּס דַארְף צוּשְׁטֶעלְן פַּאר דִי מְפִיצִים וָואס זֵיי דַארְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק
לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, חֲבֵר הַנְּהָלָה**

דִי מְפִיצִים רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז מֶען שְׁטֶעלְט זֵיי נִישְׁט צוּ קֵיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי דַארְפְן, דֶערִיבֶּער גֵייעֶן זֵיי דְרוּקְן בַּיי ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וָואס גֵייט פָּאר, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי הַדְפָּסָה, אִיר גֵייט יֶעצְט קוֹיפְן אַ נֵייעֶם בִּנְיָן מִיט נֵייעֶ מַאשִׁינֶען - אַלְץ אִיז זֵייעֶר פֵיין אוּן וואוֹיל, אָבֶער אַז דוּ שְׁטֶעלְסְט נִישְׁט צוּ פַּאר דִי מְפִיצִים וָואס זֵיי בֶּעטְן - אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט, אַ שָׁאד צוּ קוֹיפְן נֵייעֶ בִּנְיָנִים מִיט נֵייעֶ מַאשִׁינֶען. פַּארְוָועס וֶועסְטוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים? זֵיי גֵייעֶן עֶפֶּענֶען אַן אֵייגֶענֶעם בֵּית הַדְּפוּס, אוּן אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי מַיין בֵּית הַדְּפוּס אָדֶער דַיין בֵּית הַדְּפוּס, אִיךְ קוּק וואוּ עֶס אִיז דָא סְחוֹרָה, ווִי מֶער סְפָרִים צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן.

אִיךְ ווִיל נָאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן דִיר מֶען זָאל נֶעמֶען סְפָרִים דוּרְכְ׳ן בֵּית הַדְּפוּס פוּן דִי קְהִילָה, אָבֶער אַז מֶען שְׁטֶעלְט נִישְׁט צוּ וָואס זֵיי בֶּעטְן - אִיז אַ שָׁאד דִי הָארֶעוַואנִיֶע. ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי דִי מַדְפִּיסִים אַז עֶר דַארְף צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קוּנְטְרֵסִים פוּן "קְדוּשַּׁת עֵינַיִם" פַּאר אוּמַאן, מוֹהֲרָא״ש הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זַיין זַאךְ אִין אוּמַאן, נָאר פַּארְפְלֵייצְן קוּנְטְרֵסִים פַאר דִי אוֹיגְן; עֶר זָאגְט מִיר נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דְרוּקְן בַּיי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאגְט מִיר אַז הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט פַארְשַׁאפְט אַ פְּרִינְטֶער אוּן זֵיי דְרוּקְן אַלֵיינְס.

אַ שָׁאד אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת, הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אִין דִי הַדְפָּסָה אוּן יֶעצְט וֶועלְן דִי מְפִיצִים זִיךְ אָפְּטֵיילְן; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זַייט אִים מוֹחֵל אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן צוּרִיק גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶער מַאן, עֶר אִיז זֶייעֶר וואוֹיל; אַז עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט שַׁארְף צוּ אַייךְ וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ אַ גַאנְצְן צַייט, עֶר הָאט גֶעבְּלָאזְן וְכוּ׳ - וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס גוּטֶער מֶענְטְשׁ; זַייט אִים דָן לְכַף זְכוּת, זַייט אִים מוֹחֵל אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן צוּרִיק גוּט.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר אַייעֶר מַאן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל זַיין מֶער צוּגֶעלָאזְן צוּ אַייךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן יֶעדֶע פְּרַט אִין סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל אִיר זָאלְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע פְּרַט פוּן סְקוּל, אֲפִילוּ קְלֵיינִיקַייטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, פוּן יֶעדֶע טִיטְשֶׁער, וֶוער קוּמְט צַייטְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט, וֶוער עֶס הָאט הַצְלָחָה אוּן וֶוער עֶס דַארְף חִיזּוּק.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן**

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוְוּיסְט וִוי גְרוֹיס דַיין זְכוּת אִיז אִין הִימְל מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן וֶועכְנְטְלִיךְ דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה-אִישׁ אֱמוּנוֹת, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, דוּ וָואלְסְט גֶעטַאנְצְט! דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דִי בְּרִיוו טוּעֶן מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, חֲרָטָה; עֶס וֶועקְט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ אוּן דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי אַרְבֶּעט וֶועלְן אֵיין טָאג זֶען וָואס אִיר הָאט דָא גֶעטוּן, וִויפִיל כְּבוֹד שָׁמַיִם עֶס אִיז נִתְרַבֶּה גֶעוָוארְן פוּן דֶעם.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט קַיין מַעֲשֶׂה וָואס מֶען הֶערְט יֶעדְן טָאג; מוֹהֲרָא״ש הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן.

מַאךְ אַ בִּילְד, מֶען זֶעט בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן וִוי אַ קִינְד זִיצְט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פוּס, קֶענְסְט לֵייגְן שְׁטֶעקֶענֶעס נֶעבְּן דֶעם קִינְד, אֵיין פוּס זָאל זַיין אָן שַׁיָּךְ אוּן אִין דֶער זַייט שְׁטֵייט אַ אִיד אוּן וֵויינְט, דֶער קִינְד זָאל זִיךְ אָנְלַיינֶען זַיין קָאפּ אוֹיף דִי וַואנְט פוּנֶעם צִיּוּן, דֶער פָּנִים פוּן קִינְד זָאל זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער פָּנִים פוּנֶעם טַאטְן וִוי עֶר וֵויינְט.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, בַּיים צִיּוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ׳ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ.

הֶערְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט

דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלַייבְּטְן איד פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט ווִילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

נָאכְמִיטָאג, מַמָּשׁ בַּיים זְמַן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווְאוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ג'), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט ווִי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט"; דֶער טַאטֶע פִירְט אוֹיס: "וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ ווִי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד׳ מִינִים, מִיר הָאבְּן אַן אֶתְרוֹג, אַ לוּלָב, הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג דִי יָאר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים? קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁנַת תק״ע, אַ יָאר פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִסְתַּלְקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי לוּנְגֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים, אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט אִיז נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער

אוּן נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא קַיין אֵיין אֶתְרוֹג אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט; וואוּ מֶען גֵייט הֶערְט מֶען מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "וָואס וֶועט זַיין? נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים! אוֹי וֵויי, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, וָואס וֶועט זַיין?!" אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס עֶס זָאל זַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס אִיז




שְׁכּ֗חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי ד' מִינִים!

אָנְגֶעקוּמֶען אֶתְרוֹגִים; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט, מֶען הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נֵס אַז מֶען הָאט דִי ד' מִינִים. פַאר גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי יְסוּרִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק; דִי שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא אַן אֶתְרוֹג – הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן אַלֶע יְסוּרִים.

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**האט קרן הדפסה איינגעפעדעמט א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכענט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכענט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידים צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזעליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
## יואל רוטה
שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com